Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT פרייז 20 גראָשען

הײַנט 10 זײַטען.

# נייער פאלקסבלאט

אומפּאַרטייאישע פּאָליטיש-געזעלשאַפטליכע טאָג-צייטונג

Nr. 228/1523 | Łódź, Poniedziałek, 1 października 1928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, יז תשרי תרפ"ט | Nr. 228/1523

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פֿון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאדז, פּיעטריקאָווער 21, טעל. 24-71

נאָך לאַנגען שווערע ליידען איז נעכטען געשטאָרבען אין עלטער פון 78 יאָהר אונזער טייערער אונפערגעסליכער פאָטער, גרויספאָטער, אורגרויספאָטער, שוואָגער און פעטער

## נ"ע יוסף ב"ר יעקב ז"ל הערש

(געוו. בעל-הבית מעיר פיעטרקאוו)

די לוי' קומט פאָר הײַנט מאָנטאַג, (א' דחוה"מ ס) דעם 1-טען אָקטאָבער 1928 12 אַ זייגער מיטאָג פון טרויער-הויז זגערזשער 52, וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

---

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטאָרבען אין עלטער פון 59 יאהר מיין ליבער מאַן, אונזער טייערער פאָטער, גרויספאָטער, ברודער, שוואָגער און אָנקעל

## נ"ע מרדכי אלימלך בן משה גדלי' ז"ל גראסמאן

די לוי' קומט פאָר הײַנט, מאָנטאָג, 12 אַ זייגער בייטאָג פון טרויער-הויז, צעגעלניאַנאַ 46, וועגען וואָס עס טיי[לען מיט]

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

---

מיר פאָדערען אויף אַלע דאַמען-מאַגאַזין-שניידער-מייסטער צו קומען אָפּגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער פערשטאָרבענעם חבר און מיטגליד

## מרדכי מלך גראסמאן

די לויה קומט פאָר הײַנט 12 אַ זייגער מיטאָג פון טרויער-הויז ציגעל-גאַס 46

די פאַך-קאָמיסיע פון דאַמען-מאַגאַזין

אל. 1-טער מאַי 2.

---

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז נעכטען 7 אַ זייגער אין אָוונד געשטאָרבען אין עלטער פון 59 יאָהר אונזער לאַנגיעהריגער מיטגליד

## נ.ע. מרדכי אלימלך גראסמאן

די לויה קומט פאָר הײַנט, מאָנטאָג 12 אַ זייגער בייטאָג פון טרויער-הויז צעגעלניאַנאַ 46.

מיר פאָדערן אויף אַלע מיטגלידער אונבעדינגט אָפּצוגעבען דעם פערשטאָרבענעם דעם לעצטען כבוד און גלייכצייטיג דריקען מיר אוים מיטגעפיהל דער פאַמיליע גראסמאַן.

די פערוואַלטונג

פון מאַגאַזין-שניידער-מייסטער

אין לאָדז, אַלעע 1-טער מאַי 2.

---

## אַכטונג, בעקער-מייסטער!

הײַנט מאָנטאָג, דעם 1-טען אָקטאָבער ד. י., 6 אַ זייגער אָוונד, קומט פאָר

## א דרינגענדע פערזאמלונג

פון אונזערע-מיטגלידער אין אייגענעם לאָקאַל וווּלטשאַנסקאַ 57 מיט פאָלגענדען טאָג-אָרדנונג: 1) בעריכט וועגען ריטשאַלט-שטייער; 2) וועגען אַרבייטער-פאָדערונגען; 3) וועגען פרייזען; 4) פערשידענעס.

בעמערקונג: מאָרגען דינסטאָג, דעם 2-טען אָקטאָבער איז פעליג די ערשטע ראַטע פון ריטשאַלט-שטייער פאַר דעם יאָהר 1928 כדי עס זאָל ווערען אָפּגעשטעלט די עקזעקוציעס זאָל יעדער בעקער פינקטליך צאָהלען די ראַטעס.

די פערוואַלטונג.

---

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז נעכטען זונטאָג דעם 2-טען טאָג סכות געשטאָרבען און צו קבורה געקומען מיין ליבער מאַן, אונזער הייסגעליבטער פאָטער, גרויספאָטער, שוויגער-פאָטער, ברודער, שוואָגער און אָנקעל

## נ.ע. שמעון בריטבארד

בן אברהם יצחק ז"ל (איז עלטער פון 58 יאָהר)

וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

---

**Dr. med. B. ROBINZON**

אינערליכע און קינדער-קראַנקהייטען.

וואוינט יעצט

פיעטריקאָווער 10, טעלעפאָן 31-86.

נעהמט אָן פון 8–$9^1/_2$ פריה און פון $3^1/_2$–$4^1/_2$ נאָכמ.

---

ר עכער

מאַשינאַוווע

ווערען אויסגענייט

צו ביליגע פרייזען

ג. נאַרדמאַן ציגעלנאַ 29

---



אַכטונג פּראָווינץ!!! אַכטונג לאָדז!!!

מיר האבען ערעפענט אונזער פאבריקס-לאַגער אויף

## Nowomiejska 15 „GENTLEMAN"

און בעזיצען אויף לאַגער אַלער אַרט **באַטען, קאַלאָשען** און **שניעגאָווצעס** ■ הורט ■ און דעטייל



אַלע אַרט פאַרבען, גרויסען און נייעסטע פּאַסאָנען אויף גוטע בעדינגונגען צו פאַבריקס-פרייזען. דער לאַגער איז פערזעהן מיט'ן גרעסטען אַסאָרטימענט. אונזער פירמע, וועלכע עקזיסטירט פון פאָר'ן קריג איז שוין גוט בעריהמט פון איהרע אויסאַרבייטונגען. סאָלידע און רעעלע בעהאַנדלונג און פּינקטליכע אויספירונג פון בעשטעלונגען. קומט איבערצייגט אייך! די איינציגע קוועלע ביליג, רעעל און גוט:

מיט אַכטונג „GENTLEMAN" נאָוואָמיעסקאַ 15.

